# פרשת ואתחנן י' – ט"ז אב תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת ואתחנן (תשעה באב נדחה)***

אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט"א** עם בחורי הישיבה, הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נו:).

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אשקא דריספק חריב ביתר.** דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוויי מאל. דער בית ראשון איז חרוב געווארן דורך מלך בבל, און מען איז געווען אין גלות בבל זיבעציג יאר. נאכדעם איז מען צוריקגעקומען, און מען האט אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש, און דער צווייטער בית המקדש האט אנגעהאלטן פיר הונדערט און צוואנציג יאר, און נאכדעם איז עס חרוב געווארן. די ערשטע מאל איז עס חרוב געווארן דורך נבוכדנצר מלך בבל, על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו (תהלים קלז-א). אין ארץ ישראל האבן דעמאלטס נישט געוואוינט קיין גוים, עס האבן געוואוינט דארט נאר יודען, און נבוכדנצר האט פארטריבען אלע יודען פון ארץ ישראל. און ארץ ישראל איז געבליבען ווי א מדבר, קיינער האט זיך נישט ארומגעדרייט דארט, אין די גמרא (יומא נד.) שטייט, אז אפילו א עוף איז נישט אדורכגעפלויגן צוויי און פופציג יאר אין ארץ ישראל.

**דער** צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן דורך אדום, און דעמאלטס זענען א חלק יודען געבליבן אין ארץ ישראל, און זיי האבן זיך צוזאמגענומען און זיי האבן געוואוינט אין די שטאט וואס האט געהייסען ביתר. ביתר איז הערשט חרוב געווארן צוויי און פופציג יאר נאכן חורבן פונעם בית שני. דאס הייסט אז נאכדעם וואס מען איז שוין געגאנגען אין גלות, האבן זיך די יודען וואס האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, זיך צוריק ארגאניזירט אין ביתר, עס איז געבליבן דארט זייער א גרויסער מספר פון יודען, און שפעטער איז חרוב געווארן די שטאט ביתר, און אויף דעם פארציילט יעצט די גמרא די סיבה וואס האט צוגעברענגט דערצו, אז ביתר איז חרוב געווארן.

*

**שני נחלים יש בבקעת ידים, אחד מושך אילך ואחד מושך אילך וכו'.** עס שטייט אין די מפרשים (מהר"ל), אז וועגן דעם האט עס געהייסען 'בקעת ידים', אזוי ווי א מענטש האט צוויי הענט, און ווען ער שטרעקט אויס די הענט איז איינס אויף די זייט, און איינס אויף די אנדערע זייט. אזוי אויך האט זיך דער נחל צוטיילט אויף ביידע זייטן פון די בקעה, וועגן דעם האט מען עס גערופן בקעת ידים, אז דאס איז א בקעה אזוי ווי די צוויי הענט וואס טוען זיך צוטיילען.

*

**אשכחיה לדמיה דזכריה דהוה קא מרתח וסליק וגו', אמר להו אנא מפייסנא ליה, אייתי סנהדרי גדולה וסנהדרי קטנה קטל עילויה, ולא נח.** א רוצח וואס הרג'עט א מענטש, שטייט אין פסוק (במדבר לה-לג) אז עס ווערט נישט מכופר, כי אם בדם שופכו. נאר אז מען פארגיסט דאס בלוט פון דעם וואס האט אים שופך געווען, דעמאלטס ווערט ער בארואיגט. האט נבוזראדן געזאגט, אז דער בלוט פון זכריה קאכט, איז די טייטש, אז ער איז ברוגז אויף וואס מען האט אים געטון. - און אין פסוק אליין שטייט אזוי (דברי הימים ב כד-כב), אז זכריה האט געזאגט, אז מען וועט אמאל דורש זיין, זיין בלוט וואס מען האט פארגאסן. האט ער געטראכט אז ער וועט הרג'ענען פון יודען, און דאס וועט בארואיגן זכריה, אז זיין בלוט זאל רואיג ווערן.

**רש"י** (ד"ה של זכריה) ברענגט צו, אז זכריה איז געהרג'עט געווארן במצות יואש, אין די מצוה פונעם מלך. עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' מלכים ג-ו) אז דער מלך איז דער לב העם, ער איז דער הארץ פונעם גאנצן פאלק. אזוי ווי א מענטש, איז דער הארץ דער עיקר פונעם מענטש, און אלע אברים זענען א חלק פון אים. די זעלבע איז דער מלך, דער לב פונעם פאלק, און אלע מענטשען פונעם פאלק, זענען א חלק פונעם מלך. קומט אויס, אז ווען דער מלך האט געהייסען הרג'ענען, איז נישט נאר דער מלך אליין געווען דער שופך דמים, נאר גאנץ כלל ישראל איז געווען שולדיג, ווייל דער מלך איז א חלק פונעם כלל ישראל. און אזוי ווי עס ווערט נישט מכופר נאר בדם שופכו, וועגן דעם האט ער

געברענגט כלל ישראל צו הרג'ענען, אז מיט דעם זאל רואיג ווערן דער דם פון זכריה.

*

**אמר ליה, זכריה זכריה, טובים שבהן איבדתים, ניחא לך דאבדינהו לכולהו. כדאמר ליה הכי, נח.** אין מדרש (קה"ר ג-טז) שטייט, אז ווען דער אייבערשטער האט געזען וואס נבוזראדן האט זיך אנגערופן, האט דער אייבערשטער געזאגט, נבוזראדן וואס איז אזא אכזר, ער האט געהרג'עט אזויפיל מענטשען, פון דעסטוועגן דאך האט ער אזא געפיל פון רחמנות, צו זאגן אז עס איז שוין צו אסאך וואס ער האט געהרג'ט. איז דאך א כל שכן אז איך רבונו של עולם, וואס איז א א-ל רחום וחנון, דארף איך אוודאי רחמנות האבן אויף יודען. האט דער אייבערשער געהייסען פאר דעם דם, אז דער דם זאל רואיג ווערן, און דער דם איז נבלע געווארן בארץ.

*

**מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק, מבני בניו של סיסרא למדו תינוקות בירושלים.** אין די מפרשים שטייט (**עין יעקב** סנהדרין צו:), אז דאס איז געווען רב שמואל בר שילת. די בני בניו של סיסרא שטייט אין די מפרשים (**פרי צדיק** פ' יתרו) אז עס איז געווען רבי עקיבא. רבי עקיבא איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות וואס מען האט היינט געזאגט (בקינות), און ער איז געווען א בן גרים (**הקדמת הרמב"ם**). רבי עקיבא איז געווען בן יוסף, זיין טאטע איז געווען א גר, און ער האט געשטאמט פון בני בניו של סיסרא.

**ווי** קומט צו המן, וואס האט געוואלט להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים, אז ער זאל האבן א אייניקל וואס זאל אויסוואקסען צו לערנען תורה. שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אייבערשטער איז נישט מקפח שכר כל בריה, יעדע גוטע זאך וואס א מענטש טוט, טוט אים דער אייבערשטער באצאלן דערפאר. פון המן איז ארויסגעקומען א געוואלדיגער קידוש שם שמים. דער יום טוב פון פורים, מיט מגילת אסתר, איז צו פארדאנקען פאר המן. ווען המן וואלט נישט געמאכט זיין גזירה, וואלט נישט געווען קיין פורים. ער האט טאקע נישט מכוון געווען דערצו אז עס זאל ווערן א פורים, אבער סוף כל סוף איז ארויסגעקומען פון אים א קידוש שם שמים, ער האט מקדש געווען דעם אייבערשטענ'ס נאמען. האט אים דער אייבערשטער באצאלט, אז פון אים איז ארויסגעקומען א קינד, וואס האט זוכה געווען צו תורה.

**די** וועלט זאגט, אז המן האט געמאכט א גזירה להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, מנער ועד זקן, טף ונשים, ביום אחד, אין איין טאג. פארוואס האט ער געדארפט מאכן א גזירה אויף איין טאג. וואס שטערט אים אז מען וועט הרג'ענען יודען צוויי טעג, אדער דריי טעג, אדער א וואך. נאר ער האט געוואוסט אז ביי יודען געשעהט ישועות, און עס איז מעגליך אז זיין גזירה וועט נישט געלונגען, און דעמאלטס וועט ווערן א יום טוב אזוי ווי פורים, און ער האט נישט געוואלט פארגינען פאר יודען מער פון איין טאג פורים. וועגן דעם האט ער געמאכט די גזירה, אז מען זאל הרג'ענען נאר אין איין טאג.

*

**על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון, מלמד שהראהו הקב"ה לדוד חורבן בית ראשון וחורבן בית שני וכו'.** אין די מפרשים שטייט, וואס איז דער לשון 'גם' בכינו, אונז האב מיר אויך געוויינט. ווער נאך האט געוויינט ביי די נהרות בבל. - און נאר ביי די נהרות בבל האבן יודען געוויינט. ווען מען איז נישט געווען ביים טייך, די גאנצע וועג ביז מען איז אנגעקומען קיין בבל, האבן אויך יודען געוויינט.

**עס** שטייט אין מדרש (הובא ברש"י ויקרא ב-יג) אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז געווען ורוח אלקים מרחפת על פני המים (בראשית א-ב), אלעס איז געווען וואסער. און דער אייבערשטער האט געהייסען יהי רקיע בתוך המים, ויהי מבדיל בין מים למים (שם א-ו). דער אייבערשטער האט גענומען די וואסער, און ער האט עס צוטיילט, א חלק פון די וואסער איז געבליבן העכער די הימל, און א חלק פון די וואסער איז געבליבן אויף די ערד. הללוהו שמי השמים,

והמים אשר מעל השמים (תהלים קמח-ד). עס איז דא וואסער אויבן, און עס איז דא וואסער אונטען.

**בשעת** דער אייבערשטער האט אפגעטיילט די צוויי וואסערן, זענען די וואסער אויבן געווען זייער צופרידן, זיי גייען בלייבן אויבן אין הימל, נאנט צום אייבערשטען. אבער די וואסער וואס איז געבליבן דא אונטען, האבן אנגעהויבן צו וויינען, פארוואס זיי זענען דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטען. ביז יעצט איז געווען ורוח אלקים מרחפת על פני המים, זיי האבן געהאט א קשר צום באשעפער, און יעצט איז נאר געבליבען די מים העליונים נאנט צום אייבערשטען, און די מים התחתונים זענען געבליבן אויף די ערד. האבן זיי געוויינט. האט זיי דער אייבערשטער געטרייסט, און ער האט זיי געזאגט, אז מען גייט מיט ענק מקיים זיין צוויי מצות. איינס, על כל קרבנך תקריב מלח (ויקרא ב-יג), אויף יעדע קרבן וועט מען מקריב זיין זאלץ. זאלץ קומט פונעם ים. דער ים איז געזאלצענע וואסער, און ווען מען טרוקענט אויס די וואסער, ווערט עס זאלץ. די צווייטע פיוס איז געווען ניסוך המים, יעדן סוכות וועט מען גיסן פון זיי וואסער אויפן מזבח. האבען זיי זיך באַרואיגט.

**פארוואס** האבן זיי זיך בארואיגט, ווען מען האט זיי געזאגט אז מען גייט טון מיט זיי א מצוה. ווייל יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא (אבות ד-יז). די וואסער אויבן אין הימל זענען טאקע נאנט צום אייבערשטען, אבער זיי קענען נישט טון מצות. אבער מיט די וואסער אויף די וועלט, וועט מען טון א מצוה. און טון א מצוה, אפילו נאר אמאל אמאל, ביי א קרבן וועט מען לייגען אביסל זאלץ, ביי ניסוך המים וועט מען גיסן אביסל וואסער, אבער יפה 'שעה אחת' בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. חיי עולם הבא איז נישט א שעה, חיי עולם הבא איז יארן, און נצחיות'דיגע יארן. אבער איין שעה דינען דעם אייבערשטען, איז בעסער פון חיי עולם הבא. האבן זיי זיך בארואיגט.

**ווילאנג** האבן זיי זיך בארואיגט? ווילאנג דער בית המקדש איז געשטאנען. ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, און עס איז נישטא קיין קרבנות, איז נישט דא על כל קרבנך תקריב מלח, און עס איז נישטא קיין ניסוך המים. איז נישט נאר די יודען האבן געוויינט אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, נאר אויך די וואסער האט געוויינט. ווייל ביז יעצט איז די וואסער געווען רואיג, אז מען גייט מיט זיי מקיים זיין מצות, אבער יעצט וועט מען שוין נישט מקיים זיין מיט זיי מצות.

**על** נהרות בבל שם ישבנו, ווען מיר זענען געזעסן ביי די טייכן פון בבל, 'גם' בכינו, האבן מיר אויך געוויינט. אונז האב מיר געזען דעמאלטס אז די נהרות בבל האבן צוריק אנגעהויבן צו וויינען, אז זיי זענען נתרחק געווארן פונעם אייבערשטען. מען האט זיי געטרייסט אז אין בית המקדש וועט מען זיי נוצן, אבער אז עס איז נישט דא קיין בית המקדש, האבן זיי צוריק אנגעהויבן צו וויינען, איז גם בכינו, האבן מיר אויך געוויינט צוזאמען מיט זיי.

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז דער פשט איז נאך טיפער. אמאל וויינט מען פונעם חורבן, ווייל עס גייט נישט גוט פאר יודען. מען האט געהאט א אייגן לאנד, מען האט געהאט אייגענע מלכים, אייגענע שרים, און יעצט איז מען אונטערדרוקט אונטער די גוים אין גלות. איבעראל איז מען געווען צווייטע קלאס בירגער, האט מען געוויינט אז מען איז אין גלות. אבער נישט דאס דארף זיין די געוויין פונעם גלות, דער געוויין פונעם גלות דארף זיין, אז אפילו ווען מען איז ערשטע קלאס בירגער, פונקט ווי אלע אנדערע, אזוי ווי אין אמעריקע, פון דעסטוועגן דאך דארף מען וויינען אויפן חורבן בית המקדש, פארן גלות השכינה, אז מען קען נישט דינען דעם אייבערשטען אזוי ווי מען האט אמאל געדינט. עס איז נישטא קיין בית המקדש, עס איז נישטא א עבודה אין בית המקדש, מען קען נישט ברענגען קרבנות, דער אייבערשטער האט נישט קיין מקום וואו צו רוען.

**די** וואסער וואס האט געוויינט על נהרות בבל, האבן נישט געוויינט אויף עניני גשמיים, עס האט זיי גארנישט געפעלט. זיי האבן אבער געוויינט ווייל זיי זענען מרוחק געווארן פונעם

אייבערשטען. האבן זיך יודען אויסגעלערנט פון דעם, אז די בכיה וואס מען דארף וויינען אויפן חורבן בית המקדש, איז נישט וועגן די צרות וואס מען האט פון די פיינט, נאר אזוי ווי די נהרות בבל וויינען, ווייל זיי ווילן זיין נאנט צום אייבערשטען, אזוי דארפן מיר אויך וויינען. - ביז יעצט האבן יודען אויך געוויינט, אבער מען האט געוויינט אויף די שלעק וואס מען האט באקומען. אבער על נהרות בבל, ווען מיר קומען צו די נהרות בבל, שם ישבנו, ווען מיר זענען דארט געזעסן, גם בכינו, איז צוגעקומען נאך א בכיה. אונז האב מיר געקוקט פארוואס די נהרות בבל וויינען, האבן מיר פון דעם גענומען אויף וואס אונז דארף מיר וויינען.

**מען** האלט שוין סוף פונעם תענית. יעצט דארף מען אריינגיין מיט א פרייליכקייט, די טעג זענען יודען משתוקק צו די גאולה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז תשעה באב ווערט געבוירן משיח, א ניצוץ פון די גאולה. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. אחכה לו, אונז האף מיר, און אונז ווארט מיר, אז יעדן טאג וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן די שמחה. כל המתאבל על ירושלים, מיר האבן מתאבל געווען אויפן חורבן פון ירושלים, זוכה ורואה בשמחתה (תענית ל:), זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין צו זעהן אין די שמחה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת ואתחנן***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרה"ג רבי **אשר מאיר סעקולא** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה), ושל בן הרב **אברהם שיף** שליט"א, ושל בן הר"ר **שלום באדאנסקי** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת ואתחנן***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל המסיבה המפוארה '**עת לגמור**' לנגידי אנ"ש, לטובת הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו הק' במאנסי, שהתקיים בבנין החדש של הישיבה. אחר דברי ברכה מאת הרה"ג רבי **יעקב משה טווערסקי** שליט"א רב דקהל הארניסטייפאל, ומאת הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א, ופרקי חזנות מאת הר"ר **דוד קאליש** הי"ו, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען כדי אויפצושטעלן א מקום תורה. יעדער ווייסט די חשיבות פונעם מקום, ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג א גאנץ יאר. דער חשוב'ער ראש ישיבה לייגט אריין אזויפיל צייט, קאפ און מח, אז די בחורים זאלן שטייגען, און די פירות דערקענען זיך ב"ה. מען דארף נאר א מקום, וואו מען זאל קענען זיצען און לערנען.

**היינט** נאכט איז זייער א חשוב'ער נאכט, עס איז חמשה עשר באב. אין די גמרא (תענית לא., בבא בתרא קכא:) שטייט, אז פון חמשה עשר באב דארף מען מוסיף זיין יעדע נאכט אין לימוד התורה. און די גמרא זאגט זייער שארף אויף דעם וואס איז נישט מוסיף, און די ברכה אויף דעם וואס איז יא מוסיף אין לימוד התורה, אז דער אייבערשטער וועט אים אויך מוסיף זיין יארן. - נישט יעדער איינער איז זוכה צו זיין באהלה של תורה, אז ער זאל קענען אוועקגעבן די נעכט אויף תורת ה', דער אייבערשטער האט אבער איינגעטיילט יששכר און זבולון. עס איז דא וואס לערנען תורה, און עס איז דא וואס העלפן צו אז מען זאל קענען לערנען תורה. עס איז זייער פאסענד, אז אין חמשה עשר באב, בשעת מען דארף אנהייבן מוסיף צו זיין אין לימוד התורה, האט דער זבולון א געלעגענהייט, אז ער זאל האבן א חלק אז די לומדי תורה זאלן קענען אוועקגעבן די טייערע נעכט, אויף עוסק צו זיין בתורה.

**אין** די גמרא (שם) איז אויסגערעכנט זעקס טעמים וואס עס איז געווען דער יום טוב אין חמשה עשר באב. און די משנה זאגט דארט, אז וועגן די זאכן וואס עס איז געווען, איז לא היו ימים טובים לישראל כיום הכיפורים וחמשה עשר באב. די עכסטע טעג אין יאר, איז געווען די צוויי טעג. יום הקדוש, און חמשה עשר באב. און עס איז געווען א זמן פון שידוכים, בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים, יודישע טעכטער זענען ארויסגעגאנגען,

און מען האט געטאנצט אין די כרמים, און מען האט געזוכט שידוכים. און זיי האבן געזאגט, בחור שא עיניך, וראה מה אתה בורר לך, אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה, וקחו מקחכם לשם שמים, מען זאל ערליך חתונה האבן. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט מען געטאנצן אין די כרמים. מען קען נישט גיין זינגען אין א זאל, אדער אין א פעלד. וואס איז געווען די יוצאות וחולות 'בכרמים'.

**איינע** פון די טעמים וואס עס שטייט אין די גמרא, וואס עס איז געווען די גרויסע יום טוב פון חמשה עשר באב, איז, אז דעם טאג האט מען געגעבן רשות אז מען קען קובר זיין די הרוגי ביתר. ביתר איז געבליבען די לעצטע פעסטונג פון יודען נאכן חורבן הבית, עס איז איבערגעבליבען א חלק פון יודען וואס האבן געוואוינט אין ביתר. אין די גמרא (גיטין נז:) איז משמע, אז עס האבן געוואוינט דארט מיליאנען יודען אפילו נאכן חורבן. ביתר איז חרוב געווארן צוויי און פופציג יאר נאכן חורבן פונעם בית המקדש, אדריינוס קיסר האט עס חרוב געמאכט, ער האט אויסגע'הרג'ט אנשים נשים וטף, און עס האט זיך געגאסן בלוט מיילן ווייט. און פון דעמאלטס אן, איז גדע בחרי אף כל קרן ישראל (איכה ב-ג), קרן ישראל איז אונטערגעגאנגען ביי די חורבן פון די הרוגי ביתר. און זיי האבן זיך נישט באגנוגנט מיט דעם אז זיי האבן אויסגע'הרג'ט די גאנצע שטאט, נאר לא ניתנו לקבורה, דער מלך האט גוזר געווען אז מען זאל קיינעם נישט קובר זיין. און זיבן יאר זענען די מתים געלעגן און מען האט זיי נישט קובר געווען. ביז עס איז געקומען א צווייטער קיסר, און ער האט געגעבן רשות אז מען זאל קובר זיין די הרוגי ביתר, און דעם רשות האט מען באקומען אין חמשה עשר באב.

**אין** ירושלמי (תענית ד-ה) און אין מדרש (איכ"ר ב-ד) שטייט נאך מער, אז דער קיסר האט געהאט א כרם, א וויינגארטן, וואס איז געווען גרויס אכצן מיל אויף אכצן מיל. דאס מיינט, אז אדורכצוגיין פון איין עק צום צווייטן, האט גענומען כמעט א האלבן טאג. און ער האט גענומען די מתים, און ער האט פון זיי געמאכט א מחיצה פאר זיין כרם. ער האט אויסגעשטעלט די מתים איינס נעבן די אנדערע, און צוזאמגעשטעלט א גדר פון די מתים. און אזוי זענען זיי געלעגן און זיי זענען נישט נסרח געווארן, ביז מען געגעבן רשות זיי קובר צו זיין.

**און** די חכמים האבן דעמאלטס מתקן געווען די ברכה פון הטוב והמטיב. יעדן טאג ווען מיר בענטשן נאך א סעודה וואס מען האט געגעסן, ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך (דברים ח-י), האבן די חכמים צוגעשטעלט נאך א ברכה צו ברכת המזון. די ערשטע ברכה האט משה רבינו מתקן געווען, די צווייטע ברכה האט יהושע מתקן געווען, און די דריטע ברכה האבן דוד ושלמה מתקן געווען. און די חכמים האבן צוגעגעבן די ברכה פון הטוב והמטיב, ביי יעדע בענטשען זאל מען צוגעבן א דאנק פארן אייבערשטען אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געטון. 'הטוב' שלא הסריחו, זיי האבן זיך געהאלטן די אלע יארן, און 'המטיב' שניתנו לקבורה, אז מען קען זיי קובר זיין. - און מען האט אויך מתקן געווען, אז די ברכה פון הטוב והמטיב זאגט מען ווען מען ברענגט אריין א גוטע וויין צו טרינקען. א זכר צו דעם וואס די מתים זענען געווען א גדר פאר א וויינגארטען, און זיי זענען נישט נסרח געווארן (עיין תוס' תענית לא.).

**ווען** איך האב געלערנט די גמרא, האב איך געטראכט, אז עס איז א געוואלדיגע פלא. עס איז געווען א נס וואס איז חוץ לדרך הטבע, אז די מתים זענען געלעגן זיבן יאר, און זיי זענען נישט נסרח געווארן. און די גוים האבן געזען אז צו די אלע מתים פאסירט גארנישט, און עס האט זיי גארנישט איבערגענומען, און לא ניתנו לקבורה. אמאל קען א מענטש זעהן אזעלכע אויסטערלישע נסים ונפלאות פונעם אייבערשטען, און עס באריךט אים גארנישט. ער האט נישט געמאכט א חשבון וואס ער האט געטון, אז ער זאל געבן רשות אז מען זאל זיי קובר זיין.

**חמשה** עשר באב, ווען מען האט עס געמאכט פאר א יום טוב, און איינע פון די טעמים פונעם יום טוב איז געווען ווייל מען האט געדאנקט דעם אייבערשטען אויף די הרוגי ביתר וואס זענען ניתנו לקבורה, איז יוצאת וחולות בכרמים, זענען זיי

ארויסגעגאנגען אינעם כרם, אז מען זאל געדענקען דאס וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס מחשיב געווען יודישע קינדער, אז דער רשע האט גענומען די גופי ישראל, און ער האט געמאכט דערפון א גדר פאר זיין כרם, און עס האט פאסירט א נס שלא הסריחו.

**היינט** נאכט, ווען מען קומט זיך צוזאם פאר א מקום תורה, איז עס אויך א ברכה פון הטוב והמטיב. אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג). מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט, נאך אזא חורבן וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען, און מען קוקט ווי אזוי יארן שפעטער, ווי שיין יודישקייט האט זיך אנטוויקעלט, איז עס איינע פון די גרעסטע נסים. עס האט זיך קיינער נישט פארגעשטעלט א דור פריער נאך די קריג, אז אין אמעריקע וועט אויסוואקסען אזא שיינע דור פון תורה, און ערליכע יונגעלייט און ערליכע בחורים. מען זיצט און מען לערנט תורה אפגעזונדערט פון די וועלט, אפגעזונדערט פון די גאס, עס איז א נס פאר זיך אליין.

**עס** איז 'הטוב', דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אז מען זיצט און מען לערנט, און 'המטיב', עס איז מטיב לאחריני. דער טוב פון תורה איז נישט נאר טוב פאר זיך אליין, עס איז מטיב לאחריני, יעדער איינער וואס האט א שייכות און א חלק אויפצושטעלן די תורה, איז אין כלל פון די ברכה פון הטוב והמטיב.

*

**די** יודישע טעכטער זענען יוצאת וחולות בכרמים. די גמרא (ברכות סג:) זאגט, אז די חכמים זענען געזעסן בכרם ביבנה, און רש"י זאגט, פארוואס האט מען עס גערופן כרם ביבנה, ווייל די שורות ווי אזוי די תלמידים זענען געזעסן אין בית המדרש, איז געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי א כרם. די חשיבות פון אויפשטעלן א מקום תורה, וואו בחורים זאלן זיצען און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט ערליך, יראת ה' טהורה עומדת לעד, איז, אז נאכדעם ווען מען שטעלט אויף שטובער, איז עס ערליכע שטובער, וואס איז געבויט על אדני התורה והיראה.

**איך** האב אמאל געהערט זאגן, אז מען זאגט יעדן טאג ביי ברכת התורה, מען בעהט אויף די אייגענע קינדער, והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו, ובפיות עמך בית ישראל, ונהיה אנחנו וצאצאינו, וצאצאי צאצאינו, וצאצאי עמך בית ישראל, אלע זאלן זיין יודעי תורתך ולומדי תורתך לשמה. פארוואס בעהט מען אויך אויף אנדערע קינדער, וצאצאי עמך בית ישראל. בדרך כלל בעהט יעדער איינער פאר זיך, פארוואס האט מען צוגעשטעלט וצאצאי עמך בית ישראל. נאר די תירוץ איז, אז דאס מיינט מען אויך זיך. טאמער עס וועט נישט זיין גוטע שטובער אין כלל ישראל, מיט וועם וועט ער זיך משדך זיין. ווען עס וועט זיין ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך, דארף אויך זיין וצאצאי עמך בית ישראל, אז יענער זאל אויך האבן א גוטע בחור, און ער זאל אויך האבן א גוטע טאכטער, וועט מען קענען נאכדעם טון שידוכים.

**די** יודישע טעכטער זענען יוצאות וחולות בכרמים, מען האט געזוכט שידוכים. ווען טרעפט מען א גוטן שידוך, נאר ווען מען נעמט א ערליכען חסידישן בחור פון ישיבה, א תלמיד חכם א ירא שמים, צו אים קען מען זאגן, אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה, וקחו מקחכם לשם שמים. ביי אים איז דער עיקר אריינצוקומען אין א יודישע שטוב, און טרעפן א עזר כנגדו, און ער זאל קענען אויפשטעלן צוזאמען א יודישע שטוב.

**ווען** די בנות ישראל זענען ארויסגעגאנגען זוכן שידוכים, נישט יעדער איינער האט די מעלה פון נוי, און זיי האבן געדארפט זאגן, אל תתן עיניך בנוי, מען דארף פארקוקען צו טון א שידוך, 'יוצאות', זענען זיי ארויסגעגאנגען, 'וחולות', און זיי האבן זיך געפרייט, זייער שמחה איז געווען, 'בכרמים', אז זיי זאלן טרעפן שיינע ישיבות און תלמוד תורה'ס, א כרם שביבנה, וואס מען זאל קענען זאגן, אל תתן עיניך בנוי, און עס זאל זיין קחו מקחכם לשם שמים. און דאס וועט מען נאר טרעפן אין א כרם, וואס איז א כרם ביבנה, ווי מען זיצט און מען לערנט, און מען וואקסט אויס ערליך.

*

**ב"ה** עס איז אזא שיינער מקום תורה, מען האט צוגעגעבן א נייעם נדבך דא אין שטאט, ווי מען זיצט און מען לערנט. די פירות דערפון זענען ב"ה לשם ולתפארת, איז זייער גרויס דער זכות פון די אלע וואס טוען אויפשטעלן א מקום תורה. א מקום תורה וואס שטייט שוין, און מען דארף זיך נאר פלאגן מיטן בודזשע"ט איז אויך א פלאג. **אבער א עקסטערע זכות איז, ווען מען העלפט אויפבויען א זאך פון דער ניי, וואס דעמאלטס האט מען א זכות אין אלעס וואס וועט צוקומען דערצו, און אלעס וואס וועט ניתוסף ווערן. די וואס האבן אראפגעלייגט דעם יסוד, האבן די זכות פונעם גאנצן בנין וואס וועט ארויסקומען שפעטער.** א כרם ביבנה איז נישט נאר וואס מען איז עוסק בתורה, נאר דאס וואס מען וועט שפעטער אויפשטעלן יודישע שטובער איז אויך א חלק פון דעם כרם.

**עס** איז באמת צו באוואונדערן די יונגעלייט אין מאנסי, זיי האבן אין די לעצטע צוויי יאר אזויפיל צוגעלייגט. און עס איז נישט דא קיין הילף פון ערגעץ, נאר פון אונז אליין. מיר האבן אלץ געהייסן, אז מיר זענען א נגידישע קהלה וכדומה, און ממילא זענען מיר נישט אנגעוויזען אויף הילף פון קיינעם. און מען האט קיינעם נישט געבעטן, און אז מען גייט שוין יא בעטן, זאגט מען, עטץ זענטס דאך א רייכע קהלה, מען דארף ענק נישט העלפן. יעדער ביי אונז ווייסט דעם אמת, אז מיר זענען געבליבן בעירום ובחוסר כל, און וואס מען טוט, טוט מען ממש נאר מיט די אייגענע צען פינגער. די יונגעלייט געבן זיך אוועק, זיי זענען זיך ממש מוסר נפש, עס לאזט זיך נישט זאגען. מען האט איבערגעלאזט די ארבעט, טאג און נאכט איז מען געזעסן, און אויפגעשטעלט דעם מקום. אין א קורצע צייט האט מען גענומען אויף זיך מחזק צו זיין די תלמוד תורה, אויפגעשטעלט א פרישע מיידל שולע, א פרישע ישיבה, א פרישע בית המדרש פאר די יונגעלייט, עס איז אלעס פארבינדען מיט אסאך אסאך געלט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן פאר די אלע וואס זענען זיך משתתף, און זיי טוען צוהעלפן אויפצושטעלן דעם מוסד אויף די פוס, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן האבן. דער באשעפער זאל זיי באצאלען, אז זיי זאלן זעהן אסאך שמחות און נחת אין זייער שטובער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. עס איז חמשה עשר באב, קען מען אנוואונטשען אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן, אז מיר זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, א פריילין לוסטיג יאר. אלעס וואס מען גרייט זיך יעצט צו, איז א פרקליט פארן קומענדיגן יאר. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שישי פרשת ואתחנן***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשכונת בו"ש גארדענ"ס, ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **צבי ראזנער** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת ואתחנן***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר בקודש פנימה) מאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע**, (לרגל יומא דהילולא ביום כ"א אב). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**כ"ק האדמו"ר רבי איציק'ל מפשעווארסק זצ"ל** הסתופף רבות אצל מרן זצ"ל, והעיד שהיכר הרבה צדיקים מהדור הקודם, קדושים וטהורים. אולם רבי כזה שמייחד יחודים בכל תנועה ובכל צעד ושעל, זאת טרם ראה.

**והסביר רבינו:** מיר זענען נישט קיין מבינים אויף צדיקים, מיר קענען נישט אפשאצן ווער עס איז קלענער, און ווער עס איז גרעסער. דער איז א גרעסערער צדיק, און דער איז א קלענערער צדיק. דאס קען נאר דער רבונו של עולם וויסען, און אפשאצן ווער עס איז קלענער, און ווער עס איז גרעסער. אבער ווען מען האט גערעדט פונעם **בעלזער רב זי"ע** אז ער איז א אויסנאם פון צדיקים, מיינט עס צו זאגן, אז זיין אפגעזונדערטקייט פון די וועלט, איז געווען אויסערגעווענליך, וואס מען האט נישט געזעהן ביי אנדערע צדיקים.

**א** צדיק בדרך כלל, איז א מענטש ווי אלע מענטשן. ער עסט, ער טרונקט, ער שלאפט, אבער אלעס איז ער מקדש לשם שמים. ער טוט נישט קיין חטא, ער היט זיך אפ ביי יעדע זאך, און אלעס איז מיט א אויסגערעכנטקייט, אבער ער איז דאך א גוף, און ער פירט זיך מיט גופניות. ער דארף עסן, ער דארף טרינקען, ער דארף שלאפן, ער דארף שפאצירן, ער דארף רעדן, ער דארף שמייכלען. אבער ביים **בעלזער רב** איז די אלע זאכען נישט געווען, על כל פנים אין די לעצטע יארן, וואס מען האט אים געקענט אין ארץ ישראל. ער האט געלעבט אין ארץ ישראל דרייצן יאר נאך די קריג. ער איז געזעסן ביי זיך אין שטוב, נישט ארויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות אפילו ביי זיך אין שטוב. רוב טאג איז ער געזעסן אויפן בענקל איינגעבויגן, אדער מיט צוגעמאכטע אויגן, אדער מיט אפענע אויגן און אראפגעקוקט. זיין עסן, און זיין טרינקען, איז נישט געווען בגדר אנושי, אז מען זאל עס קענען פארשטיין. רבי איציק'ל לאנדא שרייבט דא, אז איך האב זיך געדרייט אין שטוב, און איך קען זאגן, אז ער איז נישט געווען א מענטש, זיין הנהגה איז געווען ווי א מלאך אלקים.

**דאס** האט **רבי איציקל פשעווארסק'ער** געמיינט צו זאגן, אז אזא סארט פרישות, אזא סארט אפגעזונדערטקייט, אז א מענטש זאל נישט זיין ממש אויף דעם עולם, אזוי ווי דער **בעלזער רב** איז געווען, דאס איז נישט געווען אינעם לעצטן דור.

*

גינוני קדושה, והנהגות רבים, קדמו ואפפו את סדר האכילה וכו'. מעולם לא כפף ולא הקריב את גופו אל המאכל, כך שבדרך כלל נשפך חלק גדול מתכולת הכף הזעומה, עוד בטרם הגיע אליו.

**והוסיף רבינו:** ביי אונז אינדערהיים איז דא א גארטל וואס דער **בעלזער רב זי"ע** האט געהאט, און עס איז אנגעשמירט מיט עסן. ער האט דאך געגעסן מיט א גארטל, און מען קען זעהן בחוש, ווי אזוי די עסן איז געווען ביי אים.

*

תפקידו של המשמש בקודש הרה"ח רבי גרשון רייוועך ז"ל היתה לשרת בקודש החל משעת הבוקר עד השעה שתיים בצהריים. לפיכך היה נוהג להתפלל כל בוקר בבית המדרש בשעה מוקדמת, בכדי שיהיה מוכן להתייצב על משמרתו בעתו ובזמנו. באחד הימים, כשהגיע לשמש בבית מרן כהרגלו, פנה אליו מרן ושאלו, 'האם הנחת היום תפלין דרבינו תם', רבי גרשון השיב בחיוב. למחרת בבוקר כשניצב רבי גרשון בקודש פנימה, פנה אליו מרן שוב בשאלה זו, 'האם הנחת כבר תפילין דרבינו תם'. הרהיב רבי גרשון עוז, וענה למרן אינני יודע מדוע הרבי חוזר ושואל אותי שוב ושוב, הלא אני מניח בכל יום תפילין דרבינו תם, מרן לא הגיב. אך למחרת ביום השלישי כשהגיע הלה שוב בשעה הקבועה, ומרן שאלו בשלישית אם הניח היום תפילים דרבינו תם, הבין שככל הנראה דברים בגו, אולי אירע פסול כלשהו בתפילין דרבינו תם שברשותו, ואכן הוא מסרם לבדיקה, ונוכח לראות שהתפילין היו פסולים.

**והעיר רבינו:** מען וועט פרעגן א קשיא, אז דער **בעלזער רב** האט געזעהן אז עס איז א פסול'ע תפילין, פארוואס האט ער אים נישט געזאגט, אז ער האט פסול'ע תפילין, און ער זאל עס געבן בודק צו זיין.

**דער** תירוץ דערויף איז, אז רוח הקודש מיינט נישט, אז מען זעהט אייביג אלעס. רוח הקודש מיינט, אז אויב מען וויל זעהן, קען מען זעהן. אבער עס מיינט נישט אז א צדיק ווייסט אלעס פונקטליך וואס עס טוט זיך אין יעדע ווינקל אין די וועלט. - ווען ער איז אריינגעקומען, האט דער **בעלזער רב** געזעהן, אז עס פעלט אים די ליכטיגקייט וואס די רבינו תם תפילין דארף אים ברענגען, האט ער פארשטאנען אז ער האט נישט געלייגט היינט רבינו תם תפילין. אבער די סיבות פארוואס עס האט אים געפעלט די ליכטיגקייט קען זיין פארשידענע, עס קען זיין ווייל ער האט נישט געלייגט קיין תפילין, און עס קען זיין אז עס האט נישט געשיינט אויף אים, עס קען זיין אסאך סיבות. אבער עס איז נישט א קשיא, פארוואס ער האט אים נישט געהייסען אז ער זאל גיין בודק זיין די תפילין, ווייל עס איז נישט א הכרח אז אפילו מיט רוח הקודש, זאל מען וויסען אז די תפילין זענען פסול.

היו לו למרן ענינים נשגבים בהושטת היד לשלום, ולעתים היה נותן את ידו כשהמגבת כרוכה על ידו. בדרך כלל היה זה לילדים לפני גיל בר מצוה. לאחר אירוסי הרה"ח רבי מאיר מאנדעל, בנו של בעל האכסניא של מרן זצ"ל, הרה"ח רבי ישראל מאנדעל ז"ל, מחשובי חסידי גור בתל אביב, עם בתו של **כ"ק האדמו"ר בעל הלב שמחה מגור זצ"ל**, הגיעו המחותנים יחד עם החתן, לקבל ברכת מזל טוב ממרן זצ"ל. באותו מעמד הושיט מרן את ידו הק' בברכת מזל טוב לבעל הלב שמחה, ואז ניגש אל דלי המים שהיה בחדרו ונטל ידיו, והחל לנגב ידיו במגבת, ובאמצע הניגוב קרא מרן לרבי ישראל מאנדעל, ואמר, ישראל'קי, קום אהער, והושיט לו את היד כשהוא עטופה עדיין במגבת בברכת מזל טוב, אחר כך הניח מרן את המגבת ונתן מזל טוב להחתן. על אף שמרן ניסה להסתיר את הדבר, ואכן היה נראה שמה שנתן לו יד עטופה במגבת אינו במכוון, בכל זאת כשחזר רבי ישראל לביתו, התבטא והתאונן בפני בני משפחתו, שהעובדא שמרן נתן לו את היד עטופה במגבת, ולא בהושטת יד ליד כנהוג, איננה מוצאת חן בעיניו, והוא חש שאין זה סימן טוב עבורו. ואכן תוך שלושים יום מאותו ביקור אצל מרן, נלב"ע ושבק חיים לכל חי.

**ואמר רבינו:** עס שטייט אין **אור החיים הק'** (פ' ויחי) אז דרייסיג טאג פאר א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, גייט אראפ פון אים די צלם אלקים, עס פעלט שוין עפעס פונעם לעבן פונעם מענטש. האט דער **בעלזער רב** נישט געוואלט אים אנרירן די הענט, האט ער זיך איינגעוויקעלט די הענט אין א האנטון, און אזוי האט ער אים געגעבן מזל טוב.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**